# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................6:53
מוצאי שב"ק....................8:22

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................שופטים י"א-י"ב
בבלי............................שבת ט"ו
ירושלמי...............פסחים מ"ג
תוספתא...............מקוואות ו'
רמב"ם...........מלוה ולווה כ"ה

פרשת ויקהל פקודי, שבת החודש, מברכים חודש ניסן, כ"ה אדר, שנת תש"פ לפ"ק — שנה 9, גליון 26 (440)

## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### לַעֲשׂוֹת בְּכָל מְלֶאכֶת מַחֲשָׁבֶת

אַז מֶען קוּקְט גוּט זֶעט מֶען אַז אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת קוּמֶען נָאר בַּיינַאכְט, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי פַּארְצֵיילְט אִין דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם בֶּן מֶלֶךְ וּבֶן הַשִּׁפְחָה שֶׁנִּתְחַלְּפוּ (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יא): "וֶוען עֶס אִיז גֶעוָוארְן טָאג הָאבְּן זֵיי גֶעהֶערְט אַ גְרוֹיס גֶעלֶעכְטֶער, הָאבְּן זֵיי גֶעפְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן וַואלְד "וָואס אִיז דָאס גֶעלֶעכְטֶער?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט, דֶער טָאג לַאכְט אוֹיס דֶער נַאכְט, וַוייל דֶער נַאכְט פְרֶעגְט דֶעם טָאג פַארְוָואס אַז דוּ קוּמְסְט הָאבּ אִיךְ קַיין נָאמֶען נִישְׁט, הֵייבְּט דֶער טָאג אָן צוּ לַאכְן אוּן עֶס וֶוערְט טָאג"; דָאס זֶעט מֶען מַמָּשׁ בְּחוּשׁ, בַּיינַאכְט הֶערְט מֶען בְּרוּמֶען פוּן דִי חַיּוֹת רָעוֹת, בַּיינַאכְט קוּמֶען אָן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, מֶען טְרַאכְט 'וָואס וֶועט זַיין'; 'אֶפְשָׁר גֵיי אִיךְ שְׁטַארְבְּן'; 'אֶפְשָׁר גֵייט זַיין אַ פֵייעֶר'; 'אֶפְשָׁר גֵייט אַ גַנָּב קוּמֶען'; דָאס זֶענֶען דִי בְּרוּמֶען פוּן דִי חַיּוֹת, מֶען טְרַאכְט נֶעגַאטִיוֶוע מַחְשָׁבוֹת. וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי פַאלְט אַלֶעס אַוֶועק, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין פְּחָדִים, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין "וָואס וֶועט זַיין" - דָאס אִיז דֶער גֶעלֶעכְטֶער וָואס דֶער טָאג לַאכְט אוֹיס דֶעם נַאכְט, אוּן דָאס חַזֶר'ט זִיךְ אִיבֶּער יֶעדֶע נַאכְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת אֱמוּנָה, חֵלֶק ב', סִימָן יז): "מִי שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לִישֹׁן, יַעֲלֶה עַל מַחֲשַׁבְתּוֹ אֱמוּנַת תְּחִיַּת הַמֵּתִים", וֶוער עֶס קֶען נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן זָאל טְרַאכְטְן פוּן תְּחִיַּית הַמֵּתִים; לִכְאוֹרָה, וָואס הֶעלְפְט תְּחִיַּית הַמֵּתִים פַאר אֵיינֶעם וָואס קֶען נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן? נָאר גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען מֶען וִויל אַיינְשְׁלָאפְן, הֵייבְּט מֶען אָן טְרַאכְטְן אַלֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאכְן, עֶס הֵייבְּן אָן קוּמֶען דִמְיוֹנוֹת 'וָואס וֶועט זַיין?' 'אֶפְשָׁר גֵיי אִיךְ שְׁטַארְבְּן וְכוּ' וְכוּ'?' אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער רֶבִּי, טְרַאכְט פוּן תְּחִיַּית הַמֵּתִים, דָאס הֵייסְט, בַּיים סוֹף וֶועט זַיין גוּט, אֲפִילוּ מֶען גֵייט שְׁטַארְבְּן, גֵייט מֶען אוֹיפְשְׁטֵיין תְּחִיַּית הַמֵּתִים; דָאס זָאלְסְטוּ גוּט וִויסְן, אַז מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אִיז מֶען רוּאִיג, מֶען וֵוייסְט אַז עֶס קֶען גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן פַארְן מֶענְטְשׁ אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת קְלִיפָּה, סִימָן י): "הַשִּׁבְעָה קוֹלוֹת שֶׁאָמַר דָּוִד עַל הַמַּיִם, בְּדִבּוּרָן מַכְנִיעִין הָרוּחַ רָעָה", אַז מֶען זָאגְט דֶעם קַאפִּיטְל, נֶעמְט מֶען אַוֶועק דֶעם רוּחַ רָעָה וָואס כַאפְּט זִיךְ אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ; אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז מֶען קֶען זָאגְן פְּשַׁט, וָואס הָאט דִי זִיבְּן קוֹלוֹת צוּ מַכְנִיעַ זַיין אַ רוּחַ רָעָה? נָאר מֶען חַזֶר'ט צוּ זִיךְ אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן; אֵיינֶער הָאט אַ פַּחַד פוּן וַואסֶער - זָאגְט מֶען אִים 'קוֹל ה' עַל הַמָּיִם', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַ מֶענְטְשׁ אִין וַואסֶער, אֵיינֶער הָאט אַ שְׁרֶעק אַז אַ בַּעַל כֹּחַ גֵייט אִים עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס טוּן, אָדֶער אֵיינֶער דִמְיוֹנ'ט אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶענוּג כֹּחַ - זָאגְט מֶען אִים 'קוֹל ה' בַּכֹּחַ', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט כֹּחַ; אֵיינֶער הָאט מוֹרָא פוּן פֵייעֶר - זָאגְט מֶען אִים "קוֹל ה' חֹצֵב לַהֲבוֹת אֵשׁ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער וָואס מַאכְט דִי פֵייעֶר, עֶר וֶועט דִיר רַאטֶעוֶוען פוּן פֵייעֶר - אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַז גָארְנִישְׁט קֶען נִישְׁט פַּאסִירְן מִיט אִים, אוּן נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חַיֵּי שָׂרָה תשע"ח)

# קָארָאנֶע וֵוירוּס

### דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן

דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז יֶעצְט אִין אַ פַּחַד, מֶענְטְשְׁן לוֹיפְן קוֹיפְן עֶסְן, מֶען הָאט מוֹרָא פוּן דִי קָארָאנֶע-וֵוירוּס הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דֶערְשְׁרָאקְן, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס גֵייט פָאר; שְׁטַארְקֶע לֶענְדֶער וֶוערְן שְׁוַואךְ, רַייכֶע מֶענְטְשְׁן בַּאהַאלְטְן זִיךְ, גְרוֹיסֶע זִינְגֶערְס אוּן עֶקְטֶערְס זִיצְן אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט אִין שְׁטוּבּ, קֵיינֶער פָארְט נִישְׁט, קֵיינֶער קוּמְט נִישְׁט, עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דִי וֶועלְט קוּמְט צוּ אַן עֶנְדֶע; קֵיינֶער כַאפְּט נִישְׁט אַז דָאס אִיז אַלֶעס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אוּנְז אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז מִיר וואוֹינֶען אִין אַ שְׁטַארְקֶע מְדִינָה, מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף קֵיינֶעם אִין דִי וֶועלְט, מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען אַז גֶעלְט וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן, בִּיזְנֶעס וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן, דִי מְדִינָה, יֶענֶע מְדִינָה - וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן.

### זִיךְ מַכְנִיעַ זַיין פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב): עֶס אִיז פַארְהַאן אַ גִיבּוֹר וָואס גֵייט אַרוּם דִי וֶועלְט אוּן נֶעמְט אַיין מְדִינוֹת, דִי מְדִינוֹת וָואס גֶעבְּן זִיךְ אוּנְטֶער צוּ אִים - לָאזְט עֶר אָפּ, אָבֶּער דִי מְדִינוֹת וָואס וִוילְן זִיךְ נִישְׁט מַכְנִיעַ זַיין אוּנְטֶער אִים נֶעמְט עֶר אַיין, עֶר מַאכְט אוֹיס פוּן דִי מְדִינוֹת; מוֹהַרָא"שׁ גֶעבְּט אוּנְז צוּ פַארְשְׁטֵיין, אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס שִׁיקְט זַיין מִדַּת הַגְּבוּרָה, אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מַכְנִיעַ צוּ אִים, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים, דֶעמָאלְט לָאזְט עֶר

<<<<<<

## א גוט ווארט

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶער אוֹיף לֵיינֶען נַייעֶס, אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט רוּפְן הֶערְן דִי אִידִישֶׁע נַייעֶס, וֶועסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן רוּאִיג, דִי נַייעֶס וַוארְטְן אוֹיף דִי זְמַנִּים צוּ קֶענֶען דֶערְשְׁרֶעקְן מֶענְטְשְׁן, וַוייל דָאס אִיז זֵייעֶר גַאנְצֶע זַאךְ, וִוי מֶען קֶען בְּרֶענְגֶען פְּחָדִים אוּן שְׁרֶעק.

פָאלְג מִיר, הֶער אוֹיף קוּקְן נַייעֶס, אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט רוּפְן דִי אִידִישֶׁע הַאטְלַיין ..., וֶועסְטוּ זַיין רוּאִיג, דוּ וֶועסְט נִישְׁט לֶעבְּן אִין שְׁרֶעק. אַנְשְׁטָאט רוּפְן ..., זָאלְסְטוּ רוּפְן קוֹל אֱמוּנָה, וֶועסְטוּ הֶערְן גוּטֶע טְרֵייסְט וֶוערְטֶער וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע צַייטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער מִנְחַת אֱלִיעֶזֶר טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק פוּן דִי תּוֹכָחָה (וַיִּקְרָא כו, לו): "וְהֵבֵאתִי מֹרֶךְ בִּלְבָבָם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה וֶועל אִיךְ בְּרֶענְגֶען אַ מוֹרָא אִין עֶנְק, "וְרָדַף אֹתָם קוֹל עָלֶה נִדָּף", אִיר וֶועט אַנְטְלוֹיפְן פַאר שְׁרֶעק פוּנֶעם קוֹל וָואס דִי בְּלֶעטְלֶעךְ גֶעבְּן אַרוֹיס וֶוען דִי ווִינְט בְּלָאזְט אוֹיף דֶעם, טַייטְשְׁט עֶר (בְּסֵפֶר חַיִּים וְשָׁלוֹם) אַז דֶער "עָלֶה נִדָּף", מֵיינְט מֶען דֶער פַארְשְׁטוּנְקֶענֶעם בְּלֶעטְל פוּן אַ צַייטוּנְג וָואס דֶערְשְׁרֶעקְט טָאג אַיין טָאג אוֹיס.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה בְּרֶענְגֶען (תּוֹרַת כֹּהֲנִים, ז) רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן קָרְחָה הָאט דֶערְצֵיילְט, "פַּעַם אַחַת הָיִינוּ יוֹשְׁבִים בֵּין הָאִילָנוֹת", אֵיינְמָאל זֶענֶען מִיר גֶעזֶעסְן צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער, "וְנָשְׁבָה הָרוּחַ וְהִטִּיחוּ הֶעָלִים זֶה בָּזֶה", אִינְמִיטְן הָאט אַ ווִינְט צֶעבְּלָאזְן דִי בֵּיימֶער אוּן דִי בְּלֶעטְלֶעךְ הָאבְּן זִיךְ גֶעשָׁאקְלְט אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן אוּן אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ קוֹל, "עָמַדְנוּ וְרַצְנוּ וְאָמַרְנוּ אוֹי לָנוּ שֶׁמָּא יַדְבִּיקוּנוּ הַפָּרָשִׁים", מִיר זֶענֶען אַנְטְלָאפְן פוּן פַּחַד אַז מֶען גֵייט אוּנְז הַרְגִ'נֶען, "לְאַחַר זְמַן נִפְנִינוּ אַחֲרֵינוּ, וְרָאִינוּ שֶׁאֵין בְּרִיָּה", נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶעזֶען אַז קֵיינֶער יָאגְט נִישְׁט אוּן קֵיינֶער לוֹיפְט אוּנְז נִישְׁט נָאךְ, הָאבְּן מִיר גֶעוֵויינְט אַז עֶס אִיז מְקוּיָּם גֶעוָוארְן בַּיי אוּנְז דָאס וָואס שְׁטֵייט "וְרָדַף אֹתָם קוֹל עָלֶה נִדָּף"; אַזַא פָּנִים הָאבְּן דִי וָואס לֵיינֶען צַייטוּנְגֶען, מֶען וֶוערְט דֶערְשְׁרָאקְן אוּן צֶעמִישְׁט. מֶען קֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן פוּן פַּחַד, בִּשְׁעַת קֵיינֶער יָאגְט נִישְׁט אוּן קֵיינֶער רוֹדְפְ'ט נִישְׁט.

**< קול אמונה 212-444-9191 >**

## אַ תְּפִלָּה צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיבֶּער דִי

# קָארָאנֶע וֵוייִרוּס

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר אוּן אוֹיף מַיין מִשְׁפָּחָה אוּן אוֹיף אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף אוּנְז מִיר זָאלְן נִישְׁט גֶעשֶׁעדִיגְט וֶוערְן פוּן דִי מַחֲלָה קָארָאנֶע, אוּן אַלֶע אִידְן וָואס הָאבְּן שׁוֹין בַּאקוּמֶען דִי מַחֲלָה קָארָאנֶע זָאלְן הָאבְּן שְׁנֶעל אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה, עֶס זָאל זֵיי נִישְׁט שָׁאטְן זֵייעֶר גֶעזוּנְט.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר, אִיךְ בִּין אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דִי קָארָאנֶע וֵוייִרוּס, אִיךְ הָאבּ אַזוֹי מוֹרָא, מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אֵיין שְׁטִיק שְׁרֶעק, אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס. טַאטֶע זִיסֶער, טַאטֶע גֶעטְרֵייעֶר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין רוּאִיג, אִיךְ זָאל נִישְׁט לֶעבְּן מִיט פַּאנִיק אוּן שְׁרֶעק פוּן דִי קָארָאנֶע, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקְן אַז דוּ מַאכְסְט אַלֶעס, אוּן עֶס קֶען גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן פוּן זִיךְ אַלֵיינְס. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר, אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אַז דוּ הָאסְט גֶעבְּרֶענְגְט דִי קָארָאנֶע נָאר וַוייל דוּ ווִילְסְט אוּנְז דֶערְמַאנֶען מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקְן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַז דוּ פִירְסְט דִי וֶועלְט, מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אִין "כֹּחִי וְעֹצֶם יָדִי עָשָׂה לִי אֶת הַחַיִל הַזֶּה", אַז אוּנְזֶער אֵייגֶענֶע שְׁטַארְקֵייט אוּן אוּנְזֶער כֹּחַ דָאס גֶעבְּט אוּנְז לֶעבְּן.

יֶעצְט בֶּעט אִיךְ דִיר, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל נִישְׁט זַיין דֶערְשְׁרָאקְן פוּן אַלֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס בּוּזְשֶׁעוֶוען אִין מִיר פוּן דִי קָארָאנֶע וֵוייִרוּס. אִיךְ שְׁפִּיר ווִי מַיינֶע כּוֹחוֹת לָאזְן זִיךְ אוֹיס; אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט קָאנְצֶעטְרִירְן אוֹיף גָארְנִישְׁט אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט אָנְגֵיין אִין מַיין לֶעבְּן, עֶס פַּיינִיגְן מִיר מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת אָן אוֹיפְהֶער.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, דוּ בִּיסְט דָאךְ דֶער וָואס גֶעבְּט שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטַאנְד, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס דְרֵיידְט מִיר אַ קָאפּ, אוּן דֶערְשְׁרֶעקְט מִיר מִיט דִי קָארָאנֶע וֵוייִרוּס. יוֹדֵעַ מַחְשָׁבוֹת הוֹשִׁיעָה נָא! הֶעלְף מִיר טַאטֶע אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט פִּיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ; אִיךְ זָאל קֶענֶען טְרַאכְטְן גְרָאד, אוּן ווִיסְן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַז דוּ בִּיסְט בַּאהַאלְטְן אִין דִי וֶועלְט.

הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נֶעם אַרָאפּ פוּן מִיר דֶעם עוֹל בַּרְזֶל, דִי דִּמְיוֹנוֹת אוּן פְּחָדִים וָואס הוֹיעֶרְן אוֹיף מִיר; הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת אַלֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן: בִּזְכוּת רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, בִּזְכוּת רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, בִּזְכוּת רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, בִּזְכוּת רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב, בִּזְכוּת רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, בִּזְכוּת רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה מִבְּרֶסְלֶב. יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה' צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

>>>>>>

דֶעם מֶענְטְשׁ גֵיין אוּן אַז נִישְׁט אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער.

### לֶערְן תּוֹרָה יֶעדְן טָאג וֶועסְטוּ וֶוערְן אָפְּהִיטְן פוּן דִי קְרֶענְק

יֶעצְט וֶוען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט לֶעבְּט אִין שְׁרֶעק פוּן דִי קְרֶענְק וָואס דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם; מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, מֶענְטְשְׁן בַּאהַאלְטְן זִיךְ, מֶען פְרֶעגְט: "וָואס טוּט מֶען?"

אַז דוּ ווִילְסְט זִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן דִי קָארָאנֶע-וֵוייִרוּס אִיז דָא אֵיין וֶועג, פוּן הַיינְט זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת עז:): רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי פְלֶעגְט נֶעמֶען קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן וָואס מֶען קֶען אִיבֶּערְכַאפְּן פוּן זֵיי דִי שְׁלֶעכְטֶע קְרֶענְק, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אַרוּם נֶעמֶען מִיט זֵיי אוּן לֶערְנֶען מִיט זֵיי תּוֹרָה, מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: 'הֲיִתָּכֵן עֶר הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן דִי קְרֶענְק?' הָאט דֶער הֵיילִיגֶע אֲמוֹרָא רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא אָנְצוּכַאפְּן דִי קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן, וַוייל עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ה, יט): 'אַיֶּלֶת אֲהָבִים וְיַעֲלַת חֵן', וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה בַּאקוּמְט חֵן, 'אִם חֵן מַעֲלָה עַל לוֹמְדֶיהָ, אֲגוּנֵי לֹא מַגְּנָא?!' אוֹיבּ בַּאקוּמְט מֶען חֵן, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז עֶס הִיט אָפּ פוּן אַלֶע קְרֶענְק".

זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה; אֲפִילוּ עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אַן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע קְרֶענְק וָואס מֶען קֶען עֶס אִיבֶּער כַאפְּן אֵיינֶער פוּן צְוֵוייטְן, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז רֶבִּי יוֹחָנָן הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן (כְּתוּבּוֹת, שָׁם): "גֶעבְּט אַכְטוּנְג פוּן דִי פְלִיגְן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיי דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן דִי קְרֶענְק 'בַּעֲלֵי רָאתָן'"; רֶבִּי זֵירָא אִיז נִישְׁט גֶעזִיצְן אוֹיף דִי זַייט וואוּ דִי ווִינְט בְּלָאזְט, אוֹיבּ זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן מִיט דִי מַחְלָה פוּן "בַּעֲלֵי רָאתָן"; רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר אִיז נִישְׁט אַרַיין אִין אַ הוֹיז אוֹיבּ אִיז דָארְט גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן מִיט דִי מַחְלָה פוּן "בַּעֲלֵי רָאתָן"; רֶבִּי אַמִּי אוּן רֶבִּי אַסִּי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקוֹיפְט אֵייעֶר וָואס מֶען הָאט פַארְקוֹיפְט אוֹיף אַ גַאס וָואס דָארְט אִיז דָא אַ מֶענְטְשׁ מִיט דִי מַחֲלָה פוּן "בַּעֲלֵי רָאתָן"; מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער אֲמוֹרָא רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא אָנְצוּכַאפְּן דִי קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן אוּן לֶערְנֶען מִיט זֵיי תּוֹרָה".

אַנְשְׁטָאט לֶעבְּן מִיט שְׁרֶעק נֶעם עֶנְדֶערְשׁ דִי רְפוּאָה פַאר דִי שְׁרֶעק; נֶעם דִי בְּלֶעטֶער גְמָרָא, דָאס וֶועט דִיר רַאטֶעוֶוען פוּן דִי קְרֶענְק; דָאס וֶועט אוּנְז בְּרֶענְגֶען אַלֶעס גוּטְס.

### חַזֶר זִיךְ דִי אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה

יֶעצְט וֶוען אַלֶע זֶענֶען דֶערְשְׁרָאקְן צוּם טוֹיט פוּן דִי מַחְלָה פוּן קָארָאנֶע וָואס גֵייט אַרוּם אִין דִי וֶועלְט; מֶענְטְשְׁן שְׁפַּארְן זִיךְ אַיין אִין שְׁטוּבּ, מֶען לֶעבְּט אִין שְׁרֶעק, בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה. חַזֶר אֱמוּנָה מִיט זִיךְ אַלֵיינְס; חַזֶר זִיךְ דִי עֶרְשְׁטֶע אֲנִי מַאֲמִין, זָאג הוֹיךְ אוֹיפְ'ן קוֹל: "אֲנִי מַאֲמִין - אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה - מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ הוּא בּוֹרֵא - אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַלֶעס בַּאשַׁאפְן, וּמַנְהִיג לְכָל הַבְּרוּאִים - עֶר פִירְט דִי וֶועלְט, וְהוּא לְבַדּוֹ - אוּן נָאר עֶר אַלֵיין, עָשָׂה - הָאט אַלֶעס גֶעטוּן, וְעוֹשֶׂה - אוּן עֶר טוּט אַלֶעס, וְיַעֲשֶׂה לְכָל הַמַּעֲשִׂים - אוּן וֶועט אַלֶעס טוּן".

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער דִּבְרֵי חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זָאגְן דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין'ס עֶטְלִיכֶע מָאל אַ טָאג, עֶר פְלֶעגְט דָאס זָאגְן אִין אִידִישׁ: "אֲנִי מַאֲמִין - אִיךְ גְלֵייבּ", אוּן עֶר פְלֶעגְט דָאס זָאגְן מִיט זַיין נָאמֶען: "חַיִּים גְלֵייבְּט, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה - שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ הוּא בּוֹרֵא וּמַנְהִיג לְכָל הַבְּרוּאִים, וְהוּא לְבַדּוֹ עָשָׂה וְעוֹשֶׂה וְיַעֲשֶׂה לְכָל הַמַּעֲשִׂים, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַלֶעס בַּאשַׁאפְן אוּן עֶר פִירְט דִי וֶועלְט, נָאר עֶר אַלֵיין טוּט אַלֶעס אוּן וֶועט אַלֶעס טוּן"; אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק זִיךְ גֶע'חַזֶר'ט אַפָּאר מָאל אַ טָאג דִי אֱמוּנָה. הַלְוַאי זָאלְן מִיר זָאגְן דִי דְרַייצְן "אֲנִי מַאֲמִין'ס" אֵיין מָאל אַ טָאג; וַוייל ווִי מֶער מֶען חַזְר'ט דִי אֱמוּנָה וֶוערְט עֶס מֶער אוּן מֶער אַרַיין גֶעקְרִיצְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ.

### אֱמוּנָה וֶועט אוּנְז הֵיילְן

נָאר אֱמוּנָה וֶועט אוּנְז הֵיילְן, נָאר אֱמוּנָה וֶועט אַוֶועק נֶעמֶען דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מַחְלָה, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ה): "הָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה, וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְחַפֵּשׂ אֶת עַצְמוֹ, וּלְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה", דֶער עִיקָר אוֹיף וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרְבֶּעטְן צוּצוּקוּמֶען - אִיז אֱמוּנָה, "כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים, שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת, וְהֵם סוֹבְלִים הֶחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה", וַוייל עֶס זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס לֵיידְן מַחְלוֹת בְּלוֹיז וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, "כִּי עַל יְדֵי נְפִילַת הָאֱמוּנָה, בָּאִים מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת שֶׁאֵין מוֹעִיל לָהֶם - לֹא רְפוּאוֹת, וְלֹא תְּפִלָּה, וְלֹא זְכוּת אָבוֹת", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אוּן עֶר לֵיידְט נֶעבֶּעךְ פוּן דִי מַחְלוֹת וָואס קוּמְט פוּן חִסָּרוֹן אֱמוּנָה, דֶעמָאלְט הֶעלְפְט אִים נִישְׁט קַיין רְפוּאוֹת, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּפִלָּה אוּן אוֹיךְ נִישְׁט זְכוּת אָבוֹת.

### הֶער נִישְׁט אוֹיס אַזוֹיפִיל דִי נַייעֶס

זַיי מְחַזֵּק דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער; לֵיין זֵיי פָּאר דֶעם קוּנְטְרֵס. אַנְשְׁטָאט צוּ הֶערְן טָאג אוּן נַאכְט דִי נַייעֶס, זָאלְסְטוּ אָנְצִינְדְן אִין שְׁטוּבּ נִגּוּנֵי אֱמוּנָה, דָאס וֶועט בַּארוּאִיגְן דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ, עֶס וֶועט אַוֶועק נֶעמֶען אַלֶע פְּחָדִים.

דִי נַייעֶס וַוארְפְט אַ שְׁרֶעק, עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס דָאס צוּ הֶערְן טָאג אוּן נַאכְט; עֶנְדֶערְשׁ רֶעד אוּן הֶער דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם פַּחַד.

### דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אַז מִיר זָאלְן צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, מַיין טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אַז דוּ ווִילְסְט זִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן דִי "קָארָאנֶע" קְרֶענְק זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (סַנְהֶדְרִין סג:): "אֵלִיָּהוּ הַצַּדִּיק הָיָה מְחַזֵּר עַל תְּפוּחֵי רָעָב שֶׁבִּירוּשָׁלַיִם", נָאכְ'ן עֶרְשְׁטְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אַרוּם גֶעגַאנְגֶען אִין דִי גַאסְן פוּן יְרוּשָׁלַיִם זִיךְ אוּמְקוּקְן אוּן הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וַוייל עֶס הָאט דַאן גֶעהֶערְשְׁט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער הוּנְגֶער, "פַּעַם אַחַת מָצָא תִּינוֹק שֶׁהָיָה תָּפוּחַ וּמוּטָל בְּאַשְׁפָּה", אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן אַ אִידִישׁ קִינְד וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן הוּנְגֶער אוּן אִיז גֶעלֶעגְן אִין דִי מִיסְט רַחֲמָנָא לִצְלַן, "אָמַר לוֹ, מֵאֵיזֶה מִשְׁפָּחָה אַתָּה?" הָאט אִים אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא גֶעפְרֶעגְט: וֶוער בִּיסְטוּ אוּן וָואס אִיז מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה, "אָמַר לוֹ, מִמִּשְׁפָּחָה פְּלוֹנִית אֲנִי", הָאט דָאס קִינְד גֶעעֶנְטְפֶערְט: אִיךְ קוּם פוּן אַ מִשְׁפָּחָה פוּן עֶטְלִיכֶע טוֹיזְנְט נְפָשׁוֹת, "אָמַר לוֹ, כְּלוּם נִשְׁתַּיֵּיר מֵאוֹתָהּ מִשְׁפָּחָה?" הָאט אִים אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא גֶעפְרֶעגְט: אוֹיסֶער דִיר אִיז נָאךְ אֵיינֶער פוּן דַיין מִשְׁפָּחָה גֶעבְּלִיבְּן לֶעבְּן, "אָמַר לוֹ, לָאו, חוּץ מִמֶּנִּי". הָאט דָאס קִינְד גֶעעֶנְטְפֶערְט: נֵיין, אַלֶע זֶענֶען שׁוֹין אוֹיסְגֶעשְׁטָארְבְּן, נָאר אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן לֶעבְּן, "אָמַר לוֹ, אִם אֲנִי מְלַמֶּדְךָ דָּבָר שֶׁאַתָּה חַי בּוֹ, אַתָּה לָמֵד?" הָאט אִים אֵלִיָּהוּ הַצַּדִּיק גֶעפְרֶעגְט: ווִילְסְט אִיךְ זָאל דִיר אוֹיסְלֶערְנֶען אַ זַאךְ וָואס וֶועט דִיר גֶעבְּן לֶעבְּן, "אָמַר לוֹ, הֵן", הָאט דֶער קִינְד גֶעעֶנְטְפֶערְט: אַוַדַאי, "אָמַר לוֹ, אֱמוֹר בְּכָל יוֹם שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד", הָאט אִים אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא גֶעזָאגְט:

<<<<<<

>>>>>>

זָאג יֶעדְן טָאג דֶעם פָּסוּק "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד".

אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא גֶעבְּט אוּנְז אַן עֵצָה מִיר זָאלְן נִשְׁט וֶוערְן קְרַאנְק; מִיר זָאלְן חַזֶרְ'ן אֱמוּנָה, מִיר זָאלְן זָאגְן: "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד". דָאס נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע מַחְלוֹת אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶס.

זִינְג צוּ זִיךְ: "מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם".

### זִיךְ נִשְׁט פַארְלִירְן

מֶען טָאר זִיךְ נִשְׁט פַארְלִירְן; מֶען דַארְף וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן. עֶס אִיז נִשְׁט דָא קַיין שׁוּם פֶּערְצוּפַאל, קַיין שׁוּם זַאךְ פַּאסִירְט נִשְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס; יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס, דֶערִיבֶּער טָאר מֶען נִשְׁט אַרַיין גֵיין אִין פְּחָדִים אוּן שְׁרֶעק.

וֶוען מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה, מֶען וֵוייסְט אוּן מֶען גֶעדֶענְקְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - דּוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר; אַלֶעס אִיז עֶצֶם עַצְמִיּוּת חִיּוּת אֱלוֹקֻתוֹ יִתְבָּרַךְ, אַלֶעס אִיז אַ לְבוּשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶעמָאלְט לֶעבְּט מֶען אַ רוּאִיגֶע לֶעבְּן, מֶען וֶוערְט נִשְׁט פַארְלוּירְן אוּן דֶערְשְׁרָאקְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס פַּאסִירְט, וַוייל וָואס עֶס זָאל נָאר פַּאסִירְן וֵוייסְט מֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס גֶעבְּרֶענְגְט.

דִי עֵצָה גֶערַאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן פוּן דִי קְרֶענְק אִיז אַז מֶען זָאל זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין יֶעדְן טָאג, מֶען זָאל זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים אַזוֹי וִוי מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ גוּטֶער חַבֵר. אַלֶע לֶענְדֶער זָאגְן דָאס פַאר דִי בַּאפֶעלְקֶערוּנְג; מֶען זָאל זִי[illegible] מִתְבּוֹדֵד זַיין, מֶען זָאל זִיךְ אַיינְשְׁפַּארְן אִין שְׁטוּב, מֶען זָאל זַיין אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן מֶענְטְשְׁן. זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַ שְׁטִיקְל רֶמֶז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל פוּן אוּנְז, מִיר זָאלְן זִיךְ אַבִּיסְל מְיַישֵּׁב זַיין, אַבִּיסְל טְרַאכְטְן: 'וָואס טוּ אִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט?' 'וָואס אִיז דֶער תַּכְלִית פוּן אַלֶע תַּאֲווֹת?'

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן י'): "וְהָעִקָּר לְהִשְׁתַּדֵּל לְיַשֵּׁב עַצְמוֹ הֵיטֵב מָה הַתַּכְלִית מִכָּל הַתַּאֲווֹת וּמִכָּל עִנְיְנֵי הָעוֹלָם הַזֶּה, הֵן תַּאֲווֹת הַנִּכְנָסוֹת לַגּוּף הֵן תַּאֲווֹת שֶׁחוּץ לַגּוּף, כְּגוֹן כָּבוֹד", דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען יֶעדְן טָאג אוּן זִיךְ פְרֶעגְן: 'וָואס? וָואס אִיז דֶער תַּכְלִית פוּן אַלֶע תַּאֲוֹות אוּן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, וָואס וֶועל אִיךְ הָאבְּן פוּן נָאכְלוֹיפְן אַלֶע מַיינֶע גְלִיסְטֶענִישְׁן?' "וְאָז בְּוַדַּאי יָשׁוּב אֶל ה'", אַז מֶען טְרַאכְט אַרַיין מִיט אַ קְלָארֶע קָאפּ זֶעט מֶען אַז אַלֶעס אִיז טַאקֶע נַארִישְׁקֵייטְן אוּן מֶען קֶערְט זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ פִירְן מִיט דִי הַנְהָגָה, דוּ וֶועסְט יֶעדְן טָאג גֵיין אַבִּיסְל אִין אַ זַייט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ, דוּ וֶועסְט מִיט אִים שְׁמוּעֶסְן אַזוֹי וִוי מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ גוּטֶער פְרֵיינְד, דוּ וֶועסְט אִים בֶּעטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר - וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן אַ זִיסֶע טַעַם אִין לֶעבְּן; דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן וֶועט דִיר אַנְדֶערְשׁ וֶוערְן, אַלֶע פְּחָדִים וֶועלְן צוּבִּיסְלֶעךְ אַוֶועק גֵיין, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים זֶענֶען זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן אוֹיבְן אִין הִימְל אִין גַּן עֵדֶן, דִי זִיסֶע אַיינְגֶענֶעמֶע לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס.

אַז מִיר וֶועלְן אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה, צוּ וִויסְן אוּן גְלוֹיבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט יֶעדֶע זַאךְ, קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט פַּאסִירְט נִשְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין, אַלֶעס הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין. אוּן מִיר וֶועלְן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן אוּנְזֶער הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶע אוּנְזֶערֶע פְּחָדִים, אוּן אִים בֶּעטְן זַיין הִילְף, אוּן מִיר וֶועלְן זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. דַאן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז זִיכֶער אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטֶס, מִיר וֶועלְן גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אַלֶע סַכָּנוֹת וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶס וֶועט אוּנְז זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(קוּנְטְרֵס קָארָאנֶע וֵוייְרוּס)

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# אִיךְ הָאבּ שְׁרֶעקְלִיכֶע פְּחָדִים פוּן דִי
# קָארָאנֶע וֵוייְרוּס
## וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ צִיטֶער גֶעפֶערְלִיךְ פוּן דִי קָארָאנֶע וֵוייְרוּס, עֶס זֶעט מִיר אוֹיס וִוי דִי וֶועלְט עֶנְדִיגְט זִיךְ, עֶס וֶוערְט אוֹיס וֶועלְט. אִיךְ בִּין אַ גַאנְצְן טָאג אוּנְטֶער פַּאנִיק אוּן שְׁרֶעק, אִיךְ רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וֵוייס אַז עֶר אִיז דָא, עֶר הֶערְט אוּן עֶר זֶעט אוּן עֶר וֵוייסְט אַלֶעס, נָאכְאַלְץ בִּין אִיךְ אָבֶּער נָאךְ אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּאנִיק אוּן שְׁרֶעק כְּסֵדֶר.

אִיךְ דַארְף הִתְחַזְּקוּת, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל אָבֶּער פַארְשְׁטֵיין אַז סְתָּם הִתְחַזְּקוּת וֶועט מִיר נִשְׁט הֶעלְפְן, וַוייל אִיךְ זֶע אַז אִיךְ דַארְף בַּארוּאִיגְן מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט דַארְף אִיךְ זִיךְ קוֹדֶם אַלֵיין בַּארוּאִיגְן, אוּן אִיךְ קֶען מַמָּשׁ נִשְׁט קוּמֶען צוּ זִיךְ. אִיךְ לִיג אִין בֶּעט מַאכְטְלָאז, אוֹיבּ דִי קָארָאנֶע וֵוייְרוּס הָאט אֵיינֶעם גֶע'הַרְגְ'ט, אִיז עֶס מִיךְ, אִיךְ בִּין מַמָּשׁ אַ טוֹיטֶער.

מַיין וַוייבּ וֵוייסְט נִשְׁט וָואס סְ'אִיז גֶעשֶׁעען מִיט מִיר, אִיךְ וִויל אִיר נִשְׁט זָאגְן אַז אִיךְ בִּין פָּשׁוּט אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּחַד פוּן דִי קָארָאנֶע וֵוייְרוּס, וַוייל אִיךְ וִויל אִיר נִשְׁט מֶער דֶערְשְׁרֶעקְן, גֶענוּג וָואס אִיךְ בִּין אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן, זָאג אִיךְ אִיר אַז אִיךְ פִיל סְתָּם נִשְׁט אַזוֹי גוּט. אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען בַּארוּאִיגְן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"א אָדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (אוֹת בִּטָּחוֹן, סִימָן א') "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ בִּטָּחוֹן, אֵין לוֹ שׁוּם פַּחַד", וֶוער עֶס הָאט בִּטָּחוֹן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶער הָאט נִשְׁט קַיין שׁוּם שְׁרֶעק, עֶר שְׁרֶעקְט זִיךְ נִשְׁט פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, וַוייל עֶר הָאט בִּטָּחוֹן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט מִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס אוּן טוּט אַלֶעס אוּן עֶס קֶען גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן אָן אִים, עֶר פַארְזִיכֶערְט זִיךְ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי אַ קִינְד פַארְזִיכֶערְט זִיךְ אִין זַיין טַאטֶע. אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַ קִינְד כַאפְּט אָן זַיין טַאטֶע זֵייעֶר שְׁטַארְק, וֶוען אַ קִינְד גֵייט אִין גַאס מִיט זַיין פָאטֶער אוּן עֶס קוּמְט צוּ גֵיין אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מֶענְטְשׁ אָדֶער אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חַיָּ', כַאפְּט דָאס קִינְד אָן זַיין טַאטֶע אוּן עֶר קְוֶועטְשְׁט אִים דִי הַאנְט אָן קַיין מוֹרָא; אַזוֹי אִיז מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ וָואס הָאט בִּטָּחוֹן, עֶר כַאפְּט זִיךְ אָן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן הָאט עֶר נִשְׁט קַיין שׁוּם פַּחַד וּמוֹרָא פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט.

מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת. וֶוען מֶען נֶעמְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, מֶען הֵייבְּט אָן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, קְרִיכְט מֶען אַרוֹיס פוּן יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע פְּרָאבְּלֶעם. דֶער רֶבִּי הָאט עֵצוֹת פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אֲפִילוּ פַאר מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן פְּחָדִים אוּן לַיידְן נֶעבֶּעךְ אוֹיף שְׁוֶוערֶע גֵייסְטִישֶׁע מַחֲלוֹת, זֵיי לַיידְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אַלֶעס גֵייט אַוֶועק אוֹיבּ מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן.

דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן אִיז "אֱמוּנָה". דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ה): "הָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה, וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְחַפֵּשׂ אֶת עַצְמוֹ, וּלְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה", דֶער עִיקָר אוֹיף וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרְבֶּעטְן צוּצוּקוּמֶען - אִיז צוּ אֱמוּנָה, "כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים, שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת, וְהֵם סוֹבְלִים הֶחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה", וַוייל עֶס זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מַחֲלוֹת, אוּן זֵיי לַיידְן דָאס נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן נִשְׁט קַיין אֱמוּנָה; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יִסּוּרֵי הַנֶּפֶשׁ וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן זִיךְ נֶעבֶּעךְ צַאם, זָאגְט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער: "כִּי עַל יְדֵי נְפִילַת הָאֱמוּנָה, בָּאִים מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת שֶׁאֵין מוֹעִיל לָהֶם - לֹא רְפוּאוֹת, וְלֹא תְּפִלָּה, וְלֹא זְכוּת אָבוֹת", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִשְׁט קַיין אֱמוּנָה אוּן עֶר לַיידְט נֶעבֶּעךְ פוּן דִי מַחֲלוֹת וָואס קוּמְט פוּן חִסָּרוֹן אֱמוּנָה, דֶעמָאלְט הֶעלְפְט אִים נִשְׁט קַיין רְפוּאוֹת, עֶס הֶעלְפְט נִשְׁט קַיין תְּפִלָּה אוּן אוֹיךְ נִשְׁט זְכוּת אָבוֹת. דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי יִסּוּרִים וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן מִיט פוּן פְּחָדִים אוּן אוּמְזִיסְטֶע שְׁרֶעק אוּן אַלֶע סָארְט יִסּוּרֵי הַנֶּפֶשׁ; עֶס פַּייניִגְט זֵיי פוּן אִינֶעוֵוייניִג - יֶעדֶער מִיט זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers


**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים, אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**

צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 347-509-4908



>>>>>>

רְפוּאָה אוֹיף דֶעם אִיז אֱמוּנָה.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה; עֶר וֵוייסְט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶערְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל", לֶעבְּט עֶר אַ רוּאִיג לֶעבְּן. מוֹהֲרַ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ נִיגוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער וֶוען עֶר פְלֶעגְט גֵיין אִין וַואלְד רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער אִין אָנְהֵייבּ, עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ זַיין אַלֵיינְס אִין וַואלְד, פוּן דִי חַיּוֹת וְכוּ', הָאט עֶר זִיךְ אוּנְטֶער גֶעזִינְגֶען דִי וֶוערְטֶער: "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם". עֶר הָאט דָאס גֶע'חַזְרְ'ט אָן אַ שִׁיעוּר, בִּיז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם פַּחַד פוּן קֵיינֶעם, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, גָארְנִישְׁט הָאט אִים דֶערְשְׁרָאקְן, גָארְנִישְׁט הָאט אִים גֶעשְׁטֶערְט, אוּן פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן דֶער שֵׁיינֶער נִיגוּן פוּן "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם".

מַיין לִיבֶּער הַארְצִיגֶער בְּרִידֶער, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה וֶוערְט אִים שְׁטַארְק זַיינֶע נֶערְוְון, אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר מֵיינְט אַז זַאכְן פַּאסִירְן סְתָּם אַזוֹי אָן קַיין חֶשְׁבּוֹן, עֶר מֵיינְט אַז עֶס אִיז דָא טֶבַע מִקְרֶה וּמַזָּל - אַזַא מֶענְטְשׁ לֶעבְּט שְׁטֶענְדִיג מִיט פְּחָדִים, מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת; מֶען בַּאשׁוּלְדִיגְט זִיךְ כְּסֵדֶר, אוּן פוּן דֶעם קוּמֶען אַלֶע נֶערְוְון קְרַאנְקְהֵייטְן לֹא עָלֵינוּ וְלֹא עֲלֵיכֶם. דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה פַאר דִי וָואס לַיידְן אוֹיף דִי נֶערְוְון אִיז נָאר "אֱמוּנָה".

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק דִיר מִיט אֱמוּנָה; אַ גַאנְצְן טָאג זָאלְסְטוּ נָאר זִינְגֶען נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה, אַ גַאנְצְן טָאג זָאלְסְטוּ זִינְגֶען נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה, בִּיז עֶס וֶועט וֶוערְן אַיינְגֶעבַּאקְן אִין דִיר אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. דֶעמָאלְט וֶועט אַוֶועק גֵיין פוּן דִיר אַלֶע פְּחָדִים, דוּ וֶועסְט נִישְׁט לִיגְן אִין בֶּעט פוּן שְׁרֶעק, דוּ וֶועסְט קֶענֶען אָנְגֵיין מִיטְן טָאג טֶעגְלִיכְן אַרְבֶּעט, דוּ וֶועסְט וִויסְן אַז אַלֶעס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט גֶעבְּן קַיין רִיר אָן דֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֵייסְן.

לֵיין דִי בְּרִיוו אֵיין מָאל אוּן צְוֵויי מָאל אוּן דְרֵיי מָאל אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, בִּיז דוּ וֶועסְט אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן דַיינֶע שְׁרֶעק, דוּ וֶועסְט זַיין אַ פְרֵייעֶר מֶענְטְשׁ, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן דִי זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע אַנְגֶענֶעמֶע טַעַם וָואס צַדִּיקִים שְׁפִּירְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶער וֶועלְט.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי תש"פ)

## סימן טוב ומזל טוב

החתן **יחזקאל שארף** הי"ו בן

מו"ה **אלימלך שארף** הי"ו

חדב"ן הרה"ג מוה"ר **יצחק לעזער** שליט"א

**צו זיין שמחת החתונה**

עב"ג בת מו"ה **עזרא בוים** הי"ו

בן הרה"ג מוה"ר **דניאל בוים** שליט"א

***

החתן **חיים שלום קרויס** נ"י

וואס איז א חתן געווארן למזל טוב

***

החתן **יקותיאל פעלדמאן** נ"י

וואס איז א חתן געווארן למזל טוב

### נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# פאניק און היסטעריע איבער די קאראנע ווירוס

די גאנצע וועלט איז איינגעהילט אין גרויס פאניק און פחדים איבער די קאראנע ווירוס וואס פארשפרייט זיך, אריינגערעכנט פילע היימישע געגנטער, וואו דאס לעבן האט זיך ממש געטוישט פון איין מינוט אויפ'ן צווייטן, מ'האט אפגעשפארט שולן און מקוואות, מוסדות און חתונה זאלן, און אזוי ווייטער.

קיין רפואה איז נאך דערווייל נישטא פאר דעם ווירוס, און דאס איז וואס האט שטארק אויפגעוועקט אידישע קינדער, עס דערמאנט זיי דאס וואס איז אמת אלעמאל, אבער יעצט זעט מען עס מער מיט די אויגן, אז ס'איז נאר דא איין אדרעס צו וועמען מ'קען זיך ווענדען - נאר צום אייבערשטן אליין.

די טעלעפאן ליניעס פון "קול ברסלב", ווערן איבערגעפילט מיט צענדליגע טויזנטער אריינרופער, וואס ווילן הערן די דרשות פונעם ראש ישיבה שליט"א, וואס איז מחזק און מעודד אויף אמונה, ווי אזוי זיך שטארקן איבער די פחדים, און ווי אזוי גראטעוועט צו ווערן אין דעם שווערן מצב.

אויפ'ן פארלאנג פונעם ציבור האט מען געמאכט א ספעציעלע אפטיילונג איבער די קאראנע ווירוס, וואו מ'קען הערן הערליכע ניגונים איבער קאראנע, קורצע און לענגערע שיעורים איבער דעם ווירוס, עצות און חיזוק ווי אזוי זיך אומצוגיין.




די נומערן פון "קול ברסלב" קען מען זען ביים סוף פונעם גליון. אנצוקומען צו דעם אפטיילונג דארף מען דרוקן 1 און דערנאך 1 און דערנאך 7.

ווי אויך איז יעצט ארויסגעקומען א נייער קונטרס מיט'ן נאמען "קאראנע ווירוס", פול מיט עצות און חיזוק אויף דעם ענין, ווי אויך א שיינע תפלה צו בעטן דעם אייבערשטן געראטעוועט צו ווערן פון אלעם שלעכטס און פון אלע פחדים. דער קונטרס וועט אי"ה זיין צו באקומען ביי אלע מפיצים.

**לך עמי בא בחדריך וסגור דלתיך בעדך, חבי כמעט רגע עד יעבור זעם!**

***

## הערליכע חתונה אין בית המדרש

דעם דינסטאג איז פארגעקומען די צענטע חתונה בהיכל הבית המדרש, וואס האט "גארנישט" געקאסט פאר די מחותנים, אזוי ווי ביי די אלע פריערדיגע חתונות אין ישיבה.

עס איז געגאנגען אונטער די חופה החתן יחזקאל בן מוה"ר אלימלך שארף שליט"א, חתן הרה"צ ר' יצחק לעסער שליט"א, עב"ג בת מו"ה עזרא בוים הי"ו בן הרה"צ ר' דניאל שליט"א.

אין די יעצטיגע צייט ווען אלע חתונה זאלן ווערן פארשפארט, איז עס שוין נישט קיין גרויסער חידוש, יעצט זעט מען אז מ'קען חתונה מאכן אפילו אינדערהיים מיט א מנין אידן, מ'דארף ניטאמאל מאכן די חתונה אין א שול.

עס איז געווען גאר א פרייליכע און לעבעדיגע חתונה, מ'האט געטאנצן און געקלאטשט מיט גרויס שמחה און פרייד, און משמח געווען חתן כלה. און מיט דעם זיך אויך איינגעהאנדלט די סגולה פון הייליגן רבי'ן, וואס דער רבי האט געזאגט אז ווען אידן טאנצן און קלאטשן, איז מען מיט דעם מבטל אלע שלעכטע גזירות.

די חתונה האט זיך געענדיגט פאר עלף אזייגער ביינאכט, און דער עולם איז זיך צוגעגאנגען מיט פרייליכע הערצער, זייענדיג איבערגענומען פון די הערליכע שיינע חתונה.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

***

## צוויי פרישע חתנים אין ישיבה

אין ישיבה הערשט א פרייליכע שטימונג, צו די צוויי פרישע חתנים. החתן חיים שלום קרויס נ"י, בן מו"ה משה הי"ו פון מאנטשעסטער, וואס איז חתן געווארן למזל טוב עב"ג בת מו"ה אשר וואלערשטיין הי"ו פון ירושלים עיה"ק. און החתן יקותיאל פעלדמאן נ"י, בן מו"ה משה הי"ו פון מאנסי, וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג בת מו"ה יודל ברייער הי"ו פון בארא פארק.

ביידע חתנים זענען געווען ביים ציון הקדוש פון מוהרא"ש אין יבנאל, און דארט אויסגעזאגט גאנץ תהלים, אזוי ווי מוהרא"ש האט צוגעזאגט, און געהייסן דאס אויפקריצן אויף זיין מצבה, אז יעדער וואס דארף א שידוך וואס וועט אויסזאגן ספר תהלים ברציפות ביי זיין קבר, וועט ער זיך משתדל זיין אז ער זאל געהאלפן ווערן מיט א שידוך ווי שנעלער. ווי אויך האבן ביידע חתנים געטון די סגולה פון מוהרא"ש, צו לערנען פערציג מאל מסכת תענית אין פערציג טעג, און יעצט האבן ביידע זוכה געווען צו טרעפן זייער שידוך ברוך ה'.

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זוכה אויפצושטעלן שיינע אידישע שטיבער, מיט פיל אידיש נחת, דורות ישרים ומבורכים.

**שמחה ונחת לרוב!**

## קאראנע ווירוס!

**קאראנע ניגונים, קורצע און לענגערע שיעורים פון עצות און חיזוק איבער די קאראנע ווירוס, הערט און באראיגט אייך פונעם שרעקליכע פאניק**

**קול ברסלב**

**212-444-9191 1, 1, 7**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

212-444-9191 / 845-351-0910 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך**

212-444-9169/ 845-351-9060 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**